בס"ד

# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר בראשית

נתנדב לזכות יואל בן אסתר רחל

וזג' היינצא יהודית בת אסתר ניסל, וכל יוצאי חלציהם

## פרשת וישלח

# לייג צו מחשבה צו וואס די טוסט

### פרנס השבוע

לע"נ

ר' פנחס בן ר' יעקב ע"ה

ר' ישכר דוב בן ר' יעקב נפתלי ע"ה

לרפואת שלימה

יהודא בן רחל בתושח"י

לע"נ

מרת רחל בת ר' שלמה ע"ה

צו מנדב זיין רופט:

347.451.0332

אימעילט: Director@torasavigdor.org

לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשש

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.222.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-0332**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**



בשריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש



© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*



**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת וישלח

שנה ד׳

# לייג צו מחשבה צו וואס די טוסט

## תוכן:

חלק א. מעשים ווערן געמאסטן לויט די מחשבות - חלק ב. מצוות מיט מחשבה - חלק ג. לעבן מיט מחשבה

## חלק א. מעשים ווערן געמאסטן לויט די מחשבות

### די באשיצטע פאמיליע

ווען מיר לערנען די געשיכטע פון די אבות הק׳, זעען מיר ווי אזוי דער יד ה׳ האט זיי באשיצט דורכאויס זייערע לעבנס. עס איז געווען א ספעציעלע השגחה פון באשעפער וואס האט אכטונג געגעבן אויף אונזערע אור-עלטערן אין זייערע באגעגענישן מיט אנדערע. ווי דער נביא האט געזאגט אויף זיי, **לֹא הִנִּיחַ לְאִישׁ לְעָשְׁקָם** - דער באשעפער האט נישט געלאזט קיין מענטש זאל זיי שלעכטס טון, **וַיּוֹכַח עֲלֵיהֶם מְלָכִים** - און ער האט גע׳מוסר׳ט קעניגן איבער זיי (דברי הימים א טז:כא).

יעדער געדענקט ווי אזוי דער באשעפער האט באשטראפט פרעה ווען ער האט צוגענומען שרה: **וַיְנַגַּע הַשֵּׁם אֶת פַּרְעֹה נְגָעִים גְּדֹלִים... עַל דְּבַר שָׂרַי אֵשֶׁת אַבְרָם** - דער באשעפער האט געשלאגן פרעה מיט גרויסע קרעץ וועגן די זאך מיט שרה, אברם׳ס ווייב (בראשית יב:יז). און ווען אבימלך מלך פלשתים האט געטון די זעלבע זאך, איז דער באשעפער געקומען צו אים אין חלום און אים געווארנט, "זאלסט וויסן אז דו גייסט שטארבן צוליב די פרוי וואס דו האסט גענומען" (בראשית כ:ג).

אויב קוקט מען אריין אין די גאנצע היסטאריע פון די אבות, וועט מען זען אז דער באשעפער האט געהאלטן שמירה איבער זיינע אויסדערוועלטע. דער באשעפער האט נישט צוגעלאזט קיינער זאל זיי שלעכטס טון - עס זענען נישט געווען קיין ווייטאגליכע אינצידענטן ווי פרעמדע, דרויסנדיגע, האבן מטמא געווען די הייליגע פאמיליע.

### שכם נעמט דינה

אויסער איין פאל. ס׳איז געווען איין אויסנאם צו דעם כלל און דאס איז געווען דער אינצידענט מיט דינה, ווען שכם האט איר פארכאפט. דאס איז איין מאל ווען די לויטערקייט פון די פאמיליע איז געטשעפעט געווארן. דאס איז דער איינציגסטער איצידענט, דער איינציגסטער טראגישער פאל אין די געשיכטע פון די אבות.

אלזא, דער ענין פאדערט עס דורכצולערנען אביסל ווייל אייגנטליך איז דינה באשולדיגט געווארן אויף וואס עס האט פאסירט. **וַתֵּצֵא דִינָה... לִרְאוֹת בִּבְנוֹת הָאָרֶץ** - דינה איז ארויסגעגאנגען צו זען די טעכטער פון לאנד (וישלח לד:א). זי איז ארויסגעגאנגען צו זען און דערפאר **וַיַּרְא אֹתָהּ שְׁכֶם**, דערפאר האט איר שכם געזען (וישלח לד:ב). די חז"ל ברענגען ארויס אז איר ארויסגיין איז געווען דער גורם צו איר דערנידערונג אין די הענט פון א גוי.

צו ארויסגיין און קוקן אויף די מענטשן פון לאנד ברענגט קיינמאל נישט קיין גוטע רעזולטאטן ווייל ס'איז נישטא קיין גוטס צו זען. ווי וויניגער דו זעסט פון די מענטשן פון לאנה, אלץ בעסער שטייסטו.

## זיך אפהאלטן פון זעהן זינד

איך געדענק ווען איך בין געווען א ישיבה בחור אין סלאבאדקע, האב איך איין שבת אינדערפרי שפאצירט פאר'ן דאווענען און איך האב זיך אפגעשטעלט נעבן א בריק צווישן סלאבאדקע און קאוונע צו זען וויפיל אידן גייען צו די ארבעט שבת אינדערפרי (ר"ל). און ס'איז נישט געווען בלויז אפאר. ווען איך בין געקומען קיין סלאבאדקע אין יאר תרצ"ג, האט יעדע האלבע שעה אן אנגעפילטער באס מיט אידן פארלאזט קאוונע אום שבת. אבער ביז'ן יאר תרצ"ט האט יעדע פינף מינוט אן אנגעפילטער באס מיט אידן פארלאזט קאוונע! ארבעטן אום שבת! ס'איז געווען אומדערהערט נישט אזוי לאנג צוריק. אבער דאן איז יעדע פינף מינוט א באס אנגעפילט מיט אידן ארויסגעפארן צו די ארבעט.

אט דאס איז געווען דער מזרח אייראפע, די ליטא, איבער וואס מענטשן וואונדערן זיך, "פארוואס האט פאסירט דער גרויסער חורבן? וואס האט דער באשעפער געהאט קעגן די גרויסע צדיקים?"

אלזא, איך בין געשטאנען דארט קוקנדיג אויף די 'צדיקים' וואס גייען צו די ארבעט אום שבת אינדערפרי.

און דאן איז אנגעקומען דער אלטער משגיח זכרונו לברכה - ער איז צוריקגעקומען פון מקוה שבת אינדערפרי - און ער האט מיר געפרעגט, "וואס טוסטו?"

האב איך געענטפערט, "איך קוק אויף די מענטשן וואס גייען צו די ארבעט."

האט ער געזאגט, "עס איז ניט כדאי צו קוקן."

ס'איז נישט גוט צו קוקן! דאס איז וואס ער האט מיר געזאגט. למעשה, איך בין זיכער אז ער האט געמיינט מער ווי איך טראכט, אבער דאס זענען געווען זיינע ווערטער: "ס'איז נישט גוט צו קוקן."

## גוטע כוונות

און אזוי, ווען דינה איז ארויס קוקן, דאס איז ווען די דאזיגע אומגליק האט פאסירט. דאס איז פארוואס דער אינצידענט האט פאסירט. אצינד, דער אמת איז אז ווען דינה איז ארויסגעגאנגען צו זען די טעכטער פון לאנד, איז עס נישט געווען סתם צוליב נייגעריגקייט. זי האט געהאט גוטע כוונות. זי איז געגאנגען אין די פיסטריט פון אירע גרויסע עלטערן. געדענקט, **שרה מגיירת את הנשים**. דינה'ס געהויבענע באבע, שרה אמנו, פלעגט רעדן צו די פרויען.

דאס איז ווי אזוי די הויזגעזינד פון די אבות האבן געטראכט, צו פארשפרייטן אמונה. אזוי איז דינה ארויסגעגאנגען, זיי צו באטראכטן, צו זען וואס דער מצב איז און צו פארשטיין, "ווי אזוי קען איך זיי לערנען די יסודות פון אמונה?" זי האט עס געטון פאר א העכערן ציל; זי האט געטראכט, 'וואס קען מען טון פאר זיי?'

אבער, שרה אמנו איז נישט ארויס אין גאס; דינה האט געמאכט א טעות מיט'ן ארויסגיין. למעשה, זי איז נישט ארויס צו קוקן אויף די אינגלעך פון לאנד. נישטא קיין שאלה אין דעם. זי איז ארויסגעגאנגען **לִרְאוֹת בִּבְנוֹת הָאָרֶץ**; ס'איז בלויז געווען די מיידלעך. אבער ווען איר גייט ארויס צו קוקן אויף די מיידלעך פון לאנד, און פערצופאל האבן זיי אויך געהאט אינגלעך פון די לאנד ארום זיך. און דאס איז ווען די צרה האט זיך אנגעהויבן. דאס איז ווען א געוויסער אינגל האט איר געזען און די טראגעדיע איז געשען.

## דער אומגעוואונטשענער איידעם

אלזא, כאטש עס זעט אונז אויס אז מיר פארשטייען יעצט אביסל די סיבה פארוואס עס האט פאסירט אזא טראגעדיע, אבער אונזערע חכמים געבן אונז א טעם וואס איז אביסל טיפער, עפעס וואס איז אביסל טיפער ווי דאס. און דאס איז וואס מיר וועלן יעצט דורכטון ווייל עס וועט זיין די הקדמה צו וואס מיר וועלן רעדן אין דעם שיעור.

די חכמים זאגן אז די פאסירונג איז געווען א שטראף פאר יעקב אבינו. עס מיינט נישט אז עס איז נישט געווען א שטראף פאר דינה. דינה איז אויך באשטראפט געווארן דערמיט, אבער ס'איז אויך געווען א שטראף פאר איר פאטער.

פארוואס האט דאס פאסירט צו יעקב אבינו אז זיין טאכטער איז פארכאפט געווארן דורך א גוי? וואס האט יעקב געטון אז עס איז זיך אים געקומען צו זען אזא טראגעדיע אין זיין הויז? נאך אלעם, **וְכֵן לֹא יֵעָשֶׂה** - אזעלכע זאכן האבן נישט פאסירט צווישן אידן. (וישלח לד:ז).

זאגן אונז די חכמים אזוי, זיי געבן אונז אביסל זייטיגע אינפארמאציע: עשו, יעקב'ס ברודער, איז געווען אויפ'ן מארק פאר א ווייב. למעשה האט ער געהאט פיל ווייבער, אבער ער איז אלעמאל געווען אויפ'ן מארק פאר נאך איינע. און בשעת יעקב איז אהיימגעקומען פון פדן ארם, האט ער געהאט א ערליכע טאכטער, און ער האט געטראכט אז 'אויב מיין ברודער לייגט זיינע אויגן אויף מיין טאכטער, דינה, וועל איך באקומען אן אומגעוואונטשענער איידעם.'

## א געפארפולע געזעלשאפט

אלזא, דאס דארפט איר וויסן, ווען א מאן האט חתונה צו איינעם'ס טאכטער, לויט די תורה בליק, האט ער אויך חתונה צו איר טאטן. עס הערט זיך נישט ראמאנטיש, אבער דאס איז דער אמת.

דאס איז ווי אזוי איר יונגע מענטשן דארפן טראכטן. איר קוקט אויף אייער ווייב, דאן קוקט איר אויף אייער שווער'ס פנים און ער זעט אויס ענליך צו אייער ווייב. און צומאל קענט איר טראכטן, "וואס איז דאס? איך האב נישט חתונה געהאט צו אים." אבער אצינד איז עס א בונד; אן איידעם איז א טייל פון זיין שווער'ס הויזגעזינד.

איז אלזא אויב עשו וואלט חתונה געהאט צו דינה, מיינט דאס אז עשו וואלט זיך אויף אייביג פאראייניגט מיט יעקב און דאס איז איין זאך וואס יעקב האט זיך נישט געקענט ערלויבן. איר

געדענקט ווען יעקב איז צוריקגעקומען און עשו איז געווען אזוי 'גוטהארציג' און ער האט פארגעשלאגן נאכאמאל און נאכאמאל צו באגלייטן יעקב. אבער יעקב האט זיך אנטשולדיגט מיט אלע סארטן טאקטיקן און ערקלערונגען זיך ארויסצודרייען פון דעם 'כבוד' ווייל ער האט נישט געוואלט האבן אזא געזעלשאפט! די געזעלשאפט פון עשו איז געפארפול!

## יעקב ווערט באשטראפט

און דערפאר, ווען ער האט געוואוסט אז עשו קומט, האט ער אריינגעלייגט דינה אין א רענצל און אזוי איז ער געגאנגען אין וועג. אבער א רענצל קען אמאל געעפנט ווערן. עשו, דער פריינטליכער ברודער, וועט אפשר אויך פרובירן צו קוקן אין די רענצלעך. האט יעקב, דער **חָכָם הָרוֹאֶה אֶת הַנּוֹלָד**, אריינגעשרויפט דעם דעקל. איך בין זיכער ער האט געמאכט אפאר לעכער צו קענען אטעמען דערין אבער ער האט געטון וואס ער האט געדארפט. און אזוי איז דינה געפירט געווארן אינעם רענצל אויפ'ן רוקן פון די קעמלען מיט אן אראפגעשרויפטע דעקל צו אפהאלטן עשו'ס נאכלאקערנדע בליקן.

אצינד, הערט וואס די חכמים זאגן אונז איבער דעם (מדרש רבה עו:ט): **לא בקשת להשיאה דרך היתר** - יעקב, דו האסט איר נישט געוואלט חתונה מאכן בהיתר, **הרי נשאת דרך איסור** - אצינד וועט זי פארכאפט ווערן באיסור. דו האסט איר געקענט חתונה מאכן צו עשו. ווער ווייסט? אפשר וואלט זי געהאט א גוטע השפעה אויף אים. אפשר וואלט ער תשובה געטון דורך האבן אזא גוטע ווייב. דו האסט איר נישט געוואלט חתונה מאכן בהיתר, אצינד איז זי פארכאפט געווארן דורך א גוי. דאס איז געווען א שטראף פאר יעקב, א שטראף ווייל ער האט אפגעהאלטן זיין טאכטער פון זיין ברודער.

## א שלעכטע השפעה

אלזא, מיר דארפן פארשטיין וואס גייט דא פאר. יעקב האט גוט געקענט עשו. ער האט געלעבט מיט אים אינאיינעם פון אנהייב. אויב איינער האט געקענט עשו, איז עס געווען יעקב. און אויב יעקב וואלט געטראכט אז דינה קען איבערמאכן עשו, וואלט ער געווען דער ערשטער אנצוטראגן דעם שידוך. אבער ער איז געווען איבערצייגט אז עס וואלט גארנישט געווען, נאר א טראגעדיע פאר דינה; א רואינירטע לעבן אויב זי זאל חתונה האבן צו עשו. און ער וואלט דאס קיינמאל נישט געקענט טון צו זיין טאכטער, איר איבערצוגעבן צו א מאן וואס וועט איר חרוב מאכן.

און דערפאר, צו אונז זעט עס אויס אז יעקב אבינו איז געווען אינגאנצן בארעכטיגט מיט'ן פארקלאפן די דעקל און אריינהאקן די נעגל אינעם רענצל. נישט נאר בארעכטיגט - ער האט געטון א מצוה, א מצוה רבה! ער האט געראטעוועט דינה פון עשו! לאמיר זאגן אז א מאן וואלט געקומען א חתן ווערן צו דיין טאכטער און דו האסט נישט ליב דעם מענטש, ער איז נישט גענוג א פרומער איד; קענסטו פארקלאפן די טיר אויף זיין פנים און זארג נישט איבער דעם. דו האסט מיין רשות. אויב עס פעלט אויס, קענסטו צושרויפן די טיר עס צו פארקלאפן. און דאך זאגן אונז אונזערע חכמים אז יעקב איז באשטראפט געווארן ווייל ער האט באהאלטן דינה! דאס איז עפעס וואס מיר דארפן פארשטיין.

## א פגם אין די מחשבה

איך וועל אייך איבערזאגן וואס מ'פלעגט זאגן אין סלאבאדקע אויף די קשיא. אין סלאבאדקע האט מען געזאגט אז יעקב איז געווען אינגאנצן בארעכטיגט! ס'איז אינגאנצן נישטא קיין קריטיק איבער דעם אקט וואס ער האט געטון. ער האט נישט געהאט קיין אויסוועג! ער איז געווען געצוואונגען צו באהאלטן דינה פון עשו.

אבער וואס האט ער געטון שלעכט? איז אין סלאבאדקע האט מען געזאגט אז ווען ער האט ארייגעהאקט די נעגל, האט ער עס ארייגעהאקט מיט א צו א גרויסן כח! למעשה, צו ארייגשטעקן א נאגל אין האלץ, מוז מען עס האקן. האלץ איז נישט קיין פוטער; מ'דארף עס שטארק ארייגקלאפן. אבער אין סלאבאדקע האט מען געזאגט אז ס'ווענדט זיך וויפיל מ'לייגט אריין דערין.

ווען ער האט ארייגעהאקט די נעגל, וואלט ער געדארפט טראכטן, 'אה! אויב איך וואלט נאר געקענט חתונה מאכן מיין טאכטער צו מיין ברודער, וואלט דאס געווען דער פריילעכסטער טאג אין מיין לעבן. אויב נאר מיין ברודער וואלט ווערד געווען! אבער דער נעבעכדיגער מענטש האט אפגענייגט פון גלייכן וועג און אצינד איז אוממעגליך פאר מיר צו צולאזן אז דאס זאל געשען.' יעדע מאל וואס ער האט געגעבן א קלאפ מיט'ן האמער וואלט ער געדארפט זאגן, "אוטש! ס'איז ווי א נאגל אין מיין הארץ!"

יעקב אבינו איז באשטראפט געווארן פאר נישט צולאזן אז זיין טאכטער זאל חתונה האבן צו עשו?! ניין, ניין. נישט אויף דעם איז ער באשטראפט געווארן. יעקב האט געמוזט באהאלטן זיין טאכטער, נאר ער וואלט עס געדארפט טון מיט א טרויער, מיט א וויטאג אז ער איז געצוואונגען דאס צו טון. יעקב אבינו, דער שלימות'דיגער איש תם, האט פארשטאנען אז דער באשעפער קוקט אויף אים מיט א פארגרעסערונגס גלאז און דער קלענסטער פעלער אין זיינע מחשבות איז באטראכט געווארן ווי א זינד.

## דרגות פון מחשבות

למעשה, סיי אויב איר נעמט אן די סלאבאדקער ערקלערונג אדער אויב נישט - איר זענט נישט מחויב צו אננעמען גארנישט וואס איר הערט דא - אבער דער געדאנק איז דער זייער וויכטיגער לימוד וואס מיר וועלן אצינד ארומרעדן. מען דערציילט אונז די פאסירונג ווייל מיר דארפן וויסן אז אין הימל ווערט א מענטש'ס מחשבות געמאסטן לויט דרגות. די תורה לערנט אונז אז עס איז נישט גענוג בלויז צו טון.

אלזא, דאס איז א גרויסער חידוש צו אונז. מיר וואלטן געטראכט אז עס איז גענוג אויב מען טוט וואס מען דארף. דאס אז דיינע מחשבות ווען אויך ווערן דורכגעקוקט, דאס זעט שוין אויס איבערגעטריבן. אבער דאס איז דער לימוד דא. כאטש די זאך איז פולשטענדיג מותר - עס קען נאך אויך זיין א מצוה - אבער אויב די כוונה איז נישט אינגאנצן אויסגעהאלטן, מאכט עס דעם טאט אן אנדער סארט טאט. און דערפאר, ווי גרעסער דו ווילסט זיין, אלץ מער דארפסטו באטראכטן דיינע מחשבות.

# חלק ב. מצוות מיט מחשבה

## דיין עיקר פארדינסט

אלזא, כדי צו פארשטיין די נושא אביסל בעסער וועלן מיר לערנען א שטיקל פון ספר חובת הלבבות. עס איז אין שער יחוד המעשה, אינעם זעקסטן פרק. דער טייל איז וואו דער חובת הלבבות קאנצענטרירט זיך אויף וואס ער באטראכט אלס א זייער וויכטיגע נושא און דאס איז דער ענין פון 'לויטערקייט אין די מחשבות'.

אלזא, לויטערקייט אין די מחשבות זעט נישט אויס ווי א גרויסער ענין; איר קענט אפשר טראכטן אז עס מיינט עפעס אנדערש. און דאס איז פארוואס עס איז אזוי וויכטיג צו הערן וואס ער זאגט איבער די נושא.

**רָאוּי לְךָ שֶׁלֹּא תִתְעַלֵּם לִפְקֹד מַחְשְׁבוֹתֶיךָ וְרַעְיוֹנֶיךָ** - ס'איז וויכטיג נישט נאכצולאזן פון באטראכטן דיינע מחשבות און די אינערליכע מאטיוון פון דיין מח, **כִּי רֹב הַהֶפְסֵד וְהַתִּקּוּן בְּמַעֲשִׂים לֹא יִהְיֶה כִּי אִם מֵחֻמְתָם** - ווייל ווען דו טוסט מעשים, אין מערסטנס פעלער ווערן די מעשים געשאצט לויט וויפיל כוונה עס איז געווען דערביי.

אלזא, דאס איז זייער א וויכטיגע נקודה. די ווערד פון אייער אקט ווענדט זיך אויף וויפיל כוונה איר האט אריינגעלייגט דערין. אפילו א הערליכער אקט קען צומאל אויסגעפירט ווערן פארקרימט, כמעט באדייטלאז, ווען עס איז נישטא די ריכטיגע כוונה. עס קען זיין אז דיין מעשה איז געווען אינגאנצן גערעכט, פונדעסטוועגן, אין הימל ווענדט זיך עס אסאך אין דיין אינערליכע כוונה.

## צולייגן כוונה

און דאס איז פארוואס דער חובת הלבבות נעמט די צייט אונז צו זאגן אז עס איז פון גרעסטן וויכטיגקייט, סיי ווען דו טוסט סיי וואס, צו באטראכטן דיינע כוונות. **עַל כֵּן יֵשׁ לְךָ אָחִי לְהִשְׁתַּדֵּל לִהְיוֹת כָּל מַעֲשֶׂיךָ מְיֻחָדִים לַבּוֹרֵא** - "דערפאר מיין ברודער," שרייבט ער דארט, "זאלסטו זיך אנשטרענגען אין אלע צייטן אז דיינע מחשבות זאלן זיין געאייניציגט צום באשעפער ביי אלע דיינע מעשים." אנדערש קענסטו חלילה פארלירן דעם גאנצן זכות פון די מעשה.

היינט, יעדער וואס טוט גוטע זאכן, לויבן מיר אים. ווער דארף מער ווי דאס? אפילו אויב זיינע כוונות זענען פארפוילט, זענען מיר אזוי פרייליך אז ער היט די מצוות, אז מיר וועלן נישט אריינקוקן אין זיין מח. מיר זוכן גוטע פריינט און דערפאר, יעדער וואס קומט צו אונז און וויל טון מצוות, זאגן מיר, "**אָחִינוּ אַתָּה** - דו ביסט אונזער ברודער!" ווען עמען גייט אן וואס עס זענען דיינע כוונות?!

אבער איר דארפט וויסן אז אין הימל איז עס נישט אזוי. אין הימל, איז עס די כוונות וואס זענען די וויכטיגסטע. די כוונה איז דאס הארץ פון דעם טאט - און סיי וואס דו טוסט ווערט עס, אין א גאר גרויסן פארנעם, טראנספארמירט דורך דיין מח. ווען עפעס ווערט געטון אן צולייגן קאפ, פעלט דער עיקר טייל פון דיין פערזענליכקייט. א מענטש האט צוויי טיילן; זיין קערפער און זיין מח, און אויב זיין קערפער איז אנוועזנד אבער זיין מח פעלט, איז ער נישט באמת דארט.

## ארבעטן אומזיסט

דאס איז פארוואס מיר בעטן יעדן טאג (ובא לציון) **וְיָשֵׂם בְּלִבֵּנוּ אַהֲבָתוֹ וְיִרְאָתוֹ**, אז דער באשעפער

זאל ארײנלײגן אין אונזערע הערצער די מורא פאר אים און די ליבשאפט צו אים, און מיר לײגן צו: **לְמַעַן לֹא נִיגַע לָרִיק** - איך בעט דיר באשעפער, פיל אן אונזער מח מיט מורא פאר דיר און ליבשאפט צו דיר כדי מיר זאלן זיך נישט פלאגן אומזיסט.

אומזיסט! דאס מײנט, אז אן די ריכטיגע כוונה, אן די לויטערקײט אין הארץ, אן התלהבות, אויב ווערט עס געטון פון געוואוינהײט און אן קײן מחשבה, פעלט די גאנצע חשיבות און מיר ארבעטן אומזיסט. דאס מײנט אז די חשיבות פון דעם טאט ווענדט זיך אין וואספארא סארט הארץ עס שטײט הינטער דעם טאט. און ווי מער הארץ עס ליגט דערין, אלס שטארקער און אלס טײערער ווערט די פעולה!

## אריינהאקן די נעגל

מיר װעלן נעמען אפאר בײשפילן, בלויז כדי עס צו ערקלערן בעסער. לאמיר זאגן דו האקסט ארײן א מזוזה בײם שוועל פון דײן טיר. אודאי טוסטו עס ווײל די תורה האט דיר באפוילן עס צו טון. און אודאי, מוזסטו זיכער מאכן עס זאל זײן כשר. דו האסט געצאלט גוט געלט צו זײן זיכער אין דעם. און יעצט טוסטו די מצוה ריכטיג - דו שמועסט עס אדורך מיט'ן רב וואו עס ארויפצושטעלן, אויף וועלכע זײט פון די טיר, ווי ווײט אראפ פון אויבן. אלעס שמועסטו אדורך, און יעצט שטײסטו מיט'ן האמער ארײנהאקנדיג די נעגל, אײנס פון אויבן, אײנס פון אונטן. זײער גוט!

אבער וואס טוט זיך אין דײן קאפ? צי טראכסטו עפעס? אה נײן! א שאד. עס מאכט אויס וואס דו טראכסט ווען דו האקסט ארײן די נעגל! ווען דו טוסט די פעולה וואלט כדאי געווען זאלסט אויך ארײנלײגן אביסל מחשבה און טראכטן פון וואס עס ליגט אין די מזוזה. צו וואס איז די מזוזה? צו באשיצן דײן הויז פון מזיקים? פארגעס דערפון. די ערגסטע פון די מזיקים איז, דאס נישט ארײנטראכטן אין וואס די מזוזה זאגט דיר.

## די מזוזה'ס מעסעזש

א מזוזה איז א דערמאנונג אויף דער באליבטער. דאס איז וואס עס שטײט דערין - **וְאָהַבְתָּ**, דו זאלסט אים ליב האבן. און **בְּכָל לְבָבְךָ** - מיט דײן גאנצע הארץ. מיט אונזער גאנצע הארץ, מיט אונזער גאנצע מחשבה, מיט אלע אונזערע געפילן, האבן מיר ליב דעם באשעפער. און אפילו אויב דו שפירסט עס נישט, איז דאס כאטש דײן שטרעבונג. און ארויפלײגן א מזוזה מײנט אז דו שטײסט אין אײנקלאנג מיט דעם גאנג. כאטש ווילסטו ליב האבן דעם באשעפער!

אפילו אויב דו האסט שוין ארויפגעלײגט דײנע מזוזות; דו האסט שוין ארײנגעהאקט די נעגל א לאנגע צײט צוריק, לאנג בעפאר דו האסט געהערט דעם שיעור. מאכט נישט אויס! ס'איז קײנמאל נישט צו שפעט. בשעת דו גײסט ארײן און ארויס דורך די טירן פון דײן הויז, קענסטו זיך נאכאנאנד דערמאנען. געוויסע מענטשן קושן די מזוזות אבער דאס איז נישט גענוג. מען דארף טראכטן. נישט נאר ווען מ'גײט ערגעץ, אפילו ווען דו זיצסט אין דײן הויז, כאפ א בליק אויף די מזוזה דארט. איז דאס נישט א געהויבענער וועג פון לעבן אנשטאט עס בלויז ארויפצולײגן בײם טיר און פארגעסן דערפון?

## פרויען מיט ציצית

דו טראגסט ציצית. פיל מענטשן שטעקן ארויס זײערע ציצית. זײ דערמאנען אנדערע מענטשן

פון באשעפער, אבער צומאל דערלייגן זיי אליין פון די נוצן דערפון. וואלט עס נישט געווען א גוטע זאך אויב דו וואלטסט צומאל געקוקט אויף דיינע אייגענע ציצית און זיך דערמאנט: **וּרְאִיתֶם אֹתוֹ, וּזְכַרְתֶּם אֶת כָּל מִצְוֹת ה׳** - דו וועסט עס זען און דו וועסט געדענקען אלע מצוות פון באשעפער. טראכט פון די מצוות. ס׳איז נישטא קיין גרעניץ צו וואס דו דארפסט טראכטן ווען דו זעסט ציצית!

אויך די מאמעס, ווען זיי טוען אן ציצית פאר זייערע קליינע אינגלעך, זאלן זיי זיך דערמאנען. זיי זאלן עס זען און זיך דערמאנען פון די געוואלדיגע השקפות. "ווי פרייליך בין איך אז איך בין א איד! ווי גליקליך זענען מיר אז דער באשעפער האט אונז אויסדערוועלט! **וּבָנוּ בָחַרְתָּ מִכָּל עַם וְלָשׁוֹן** - ער האט אונז אויסדערוועלט פון אלע פעלקער פון אלע שפראכן!" עס נעמט נישט לאנג אבער אפילו אין א בליץ, בשעת די מחשבות גייען פארביי דיין מח, האסטו איבערגעארבעט די מצוה אין גענצליך אן אנדער סארט מצוה.

## צוויי סארטן מצוות

און דערפאר איז אזוי וויכטיג צו געדענקען אז כוונה איז איינע פון די וויכטיגסטע באשטאנדטיילן אין די חשיבות פון דיינע דערגרייכונגען. וויפיל מאל געבסטו איבער א מטבע פאר אן ארעמאן און דו טוסט עס ווייל דו קענסט אים נישט אפזאגן; דו שעמסט זיך. דו זעסט אים קומען, פראבירסטו שנעל זיך איינצודרייען די גאס. אבער א צווייטער קומט פון די אנדערע זייט. דו בלייבסט שטעקן. ביסט פארכאפט! דו מוזסט אוועקגעבן א מטבע.

אבער שטעל זיך פאר וואס וואלט געווען אויב דו וואלטסט צוגעלייגט אביסל מחשבה. 'איך געב אים די מטבע ווייל **אֱלֹקֵיכֶם אוֹהֵב עֲנִיִּים**, דער באשעפער האט ליב די ארעמע און איך בין זיין שליח צו העלפן דעם מענטש.' אה, דאס איז שוין א גענצליך נייע מצוה. דו פארמירסט די פעולה צו עפעס געוואלדיג.

אלזא, אודאי, **הקדוש ברוך הוא אינו מקפח שכר כל בריה** - דער באשעפער נעמט נישט אוועק קיין שכר פון קיינעם (פסחים קי"ח.). ער וועט אויך באצאלן פאר דעם מענטש וואס טוט אן כוונה. דו האסט ארויפגעלייגט א מזוזה אן צופיל מחשבה? וועסט באלוינט ווערן דערפאר. דו האסט געגעבן צדקה ווייל דער משולח האט דיר אויפגעהאלטן? דו טראגסט ציצית ווייל דו ווייסט אז דו מוזסט? נו, זייער גוט. אבער עס איז גארנישט קיין פארגלייך צו די גרויסקייט וואס דו דערגרייכסט, די שכר וואס וועט אפווארטן, פאר דער וואס לייגט צו מחשבה צו אלע זאכן וואס ער טוט.

## א טויש אינעם לעבנסוועג

אצינד, איך וויל צולייגן נאך א שטאפל צו די נושא; דאס איז נאך וויכטיגער ווי צולייגן מחשבה ווען מ'טוט א מצוה ווייל דאס איז עפעס וואס איז אונז שטענדיג נוגע. דאס איז באמת צו וואס איך ציל. ס'איז נישט בלויז א פראגע פון ברענגען שלימות צו אונזערע מצוות; ס'איז א פראגע פון ברענגען שלימות צו אונזער גאנצע לעבן.

דער רמב"ם זאגט א נקודה אויף דעם וואס עס ווערט געברענגט אין פרקי אבות (ב:יב) **וְכָל מַעֲשֶׂיךָ יִהְיוּ לְשֵׁם שָׁמַיִם** - אלע דיינע מעשים זאלן זיין פאר'ן באשעפער'ס וועגן. זאגט דער רמב"ם (שמונה פרקים, ה) א מערקווירדיגע נקודה. ער זאגט אז פיל ספרים וואלטען נישט געווען גענוג דאס צו ערקלערן!

למעשה, ווען מיר לערנען עס, זעען מיר נישט עפעס ספעציעל דערין. אודאי זאל אלעס געטון ווערן לשם שמים. מיר זענען איינשטימיג דערמיט. אבער דער רמב"ם איז נתפעל פון די משנה! פארוואס איז ער אזוי איבערגענומען דערפון?

דאס איז ווייל די קורצע משנה איז די הארץ פון אונזער לעבן. דאס איז איינע פון די וויכטיגסטע יסודות אין דער מהלך פון מאכן עפעס פון אונז. **וְכָל מַעֲשֶׂיךָ** - אלעס! אלזא, דאס איז נישט אזוי לייכט צו מקיים זיין אבער ווי ווייט מעגליך דארפן מיר לערנען דעם ענין ווייל עס וועט איבערמאכן אונזער לעבן.

## א לעבן לשם שמים

ווען א מענטש הייבט אן אריינצוקוקן אין זיין טעגליכן סדר היום זעט ער אז בלויז א קליינער טייל ווערט אוועקגעגעבן פאר עבודת ה'. אויב לערנסטו תורה א גאנצן טאג, נו, אן אנדערע מעשה. אבער לאמיר זאגן דו ביסט א מענטש וואס דארף ארבעטן פאר פרנסה, איז דאוועסטו, דאס טוסטו, דערנאך גייסטו צו די ארבעט. לאמיר זאגן דו ארבעטסט פון ניין ביז פינף. אלזא, פון ניין ביז פינף וואו איז די עבודת ה'? אודאי, ביי מיטאג וואשסטו דיינע הענט און דו זאגסט די פאסיגע ברכות, אבער מערסטנס צייט וואס טוסטו?

דאס איז פארוואס יעדער איינער דארף גיין אין שפאן מיט דעם סדר פון **וְכָל מַעֲשֶׂיךָ יִהְיוּ לְשֵׁם שָׁמַיִם**. יעדער דארף אנהייבן לעבן א לעבן לשם שמים.

## צולייגן כוונה

דאס מיינט נישט אז דו מעגסט נישט הנאה האבן פונעם לעבן! האב הנאה! דו קענסט זיין פרייליך! דו קענסט מאכן אסאך געלט! גארנישט שלעכט! וואו טרעפט מען אין די גמרא, אדער אן אנדער פלאץ אז ס'איז שלעכט צו מאכן געלט, ס'איז שלעכט צו זיין רייך, ס'איז שלעכט צו זיין פרייליך? ס'איז א פאנדומענטאלער טעות צו טראכטן אז ס'איז שלעכט. א מאן מעג חתונה האבן צו א באַטעמ'טע פרוי. ער מוז נישט נעמען די מיאוס'טע ווייב וואס איז דא צו געפינען און זאגן, "איך האב חתונה בלויז לשם שמים." ס'איז א גרויסער טעות וואס מענטשן לערנען אפ נישט ריכטיג. דו מעגסט מאכן געלט. דו מעגסט עסן א פיינעם מיטאג און איינשלאפן אויף א באקוועמער קישן. פארוואס נישט? נאר דו זאלסט צולייגן אביסל כוונה. בשעת דו טוסט דאס, זאלסטו נישט פארפאטשקען דיין לעבן. לייג צו די כוונה לשם שמים.

ווענסטו זאגן, " ער איז א פעלטשטער. ער טוט עס נישט פאר'ן באשעפער! ער וויל מאכן געלט. ער וויל עסן א גוטער מיטאג." ניין! דאס איז א טעות! ס'איז א טעות! דו קענסט צולייגן א כוונה אפילו אויב דאס איז נישט דיין גאנצע כוונה.

און דערפאר, סיי וואס דו ביסט, סיי וואו דו ביסט, קענסטו איבערמאכן דיין לעבן מיט א קליין ביסל מחשבה. ס'איז נישט היפאקריטיש. דער באשעפער ערווארט נישט דו זאלסט אויפגעבן דיין פרנסה, דיין גוטע לעבן, אבער בשעת דו ביסט פארנומען מיט דיין דאזיגע לעבן, פארוואס זאלסטו נישט צולייגן די כוונה פון עס טון פאר עפעס א העכערן ציל, פאר דעם תפקיד פון עבודת ה'. און דורכדעם, איז יעדע זאך וואס דו טוסט ווערט אויסגעאיידלט; עס ווערט דערהויבן און דיין לעבן ווערט אנגעפילט מיט דערגרייכונגען.

# חלק ג. לעבן מיט מחשבה

## וואו גייט דאס געלט?

די שאלה איז, ווי אזוי נעמען מיר אזא געוואלדיגע און געהויבענע השקפה און ברענגען עס אריין אין אונזער טעגליכע לעבן? דא אין דעם ארט האבן מיר ליב צו זאגן פראקטישע זאכן, זאכן וואס מיר קענען אויספירן און דערפאר וועלן מיר דורכטון אפארביישפילן ווי אזוי אויסצופירן די זאך. און אויב ביסטו אינטערעסירט אין הצלחה וועסטו זיך אנהאלטן דערצו מיט ביידע הענט און עס מאכן אלס אן עיקר טייל פון דיין לעבן.

איז לאמיר זאגן דו ביסט א ביזנעסמאן אדער א פאבריק ארבעטער און דו הארעוועסט אוועק. ס'איז נישט גרינג צו מאכן פרנסה היינט - בפרט ווען די רעגירונגס שטייער אגענטור, די איי.אר.עס., נעמט צו אזויפיל פון דיין געלט. היינט ארבעט מען מערסטנס פאר די רעגירונג. שטייערן נעמען צו א פערטל פון דיין פארדינסט - נאכמער ווי דאס - דאס מיינט אז פון די צוועלף חדשים אין יאר, ארבעטסטו דריי חדשים, אפשר פיר חדשים, פאר די רעגירונג, פאר די רעגירונגס פראגראמען.

דאס מיינט אז דיין געלט גייט אויף צו שטיצן אנדערע מענטשן וואס ארבעטן נישט. די נארישסטע זאך איז 'וועלפעיר' (welfare). וואס מיינט 'וועלפעיר' שטיצע? דאס מיינט אז מען לאדענט איין אלע ארעמעלייט צו די גרויסע שטעט. 'וועלפעיר' איז מוטיגונג פאר זיי צו קומען און זיך באזעצן אין די גרויסע שטעט וואו זיי קענען ארומגיין ליידיג א גאנצן טאג. איז קומען זיי און אצינד האבן די פאליטיקאנטן שטימעס און איר דארפט צאלן שטייער אז די מענטשן זאלן קענען ארומגיין ליידיג און לעבן אויף שטיצע טשעקס. אט די אלע גוטהארציגע זאכן וואס די ליבעראלן טוען צו מוטיגן די פארברעכער, זיי טוען עס מיט געלט וואס זיי נעמען ארויס פון אונזער טאש.

## דער בעסטער ריווח

און אזוי, א פאבריק ארבעטער וואס טראכט נישט, דאס איז וואס ער טוט; ער ארבעט פאר די ליידיגגייערס, פאר די ליבעראלן, פאר די זינדיגע פאליטיקאנטן. ווען א טאטע איז פארשקלאפט א גאנצע וואך אין פאבריק אדער אין זיין אפיס, און ער טראכט אינגאנצן נישט, טוט ער פאקטיש פארפאטשקען זיין לעבן.

אבער אצינד ווילסטו איבערמאכן דיין לעבן צו עבודת ה'; ווי אזוי קענסטו דאס טון? דער ענטפער איז פון וואס מיר רעדן אצינד. פראקטיציר צו ארבעטן לשם שמים!

וואס מיינט דאס 'לשם שמים'? צי דארפסטו טוישן וואס דו טוסט? ניין. קיין שום טויש. דו גייסט אדורך אלע פעולות פון דיין ארבעטס טאג; דו מאכסט טעלעפאנען, דו לייגסט טאפעטן אויף די ערד, דו פארבסט ווענט אדער אינסטאלירסט רערן. סיי וואס דו טוסט, פראבירסטו צו פארדינען עפעס. אבער דו לייגסט צו אביסל מחשבה דערצו. דאס איז די בעסטער פארדינסט.

## דינען דעם באשעפער אין געשעפט

וואספארא סארט מחשבה? ערשטנס טראכסטו, 'דער באשעפער וויל איך זאל ארבעטן.' **שֵׁשֶׁת יָמִים תַּעֲבֹד וְעָשִׂיתָ כָּל מְלַאכְתֶּךָ** - "זעקס טעג זאלסטו ארבעטן," זאגט דער באשעפער (שמות כ:ט). דער באשעפער וויל מיר זאלן ארבעטן פאר פרנסה און דערפאר ווען דו טוסט עס ווייל ס'איז רצון

ה׳, זאלסטו וויסן אז דאס ווערט גערופן עבודת ה׳, ווי איבערראשנד עס קען זיך הערן.

דו קענסט אויך צולייגן נאך א מחשבה, ׳איך טו דאס כדי צו האדוועוון א דור פון שומרי תורה.׳ דו האסט געשלאסן א קנין ביי דיין חתונה. דו האסט זיך עפעס אונטערגענומען. "**אנא איזון**," איך וועל שטיצן מיין ווייב. דו ביסט מחויב ארויסצוגיין ארבעטן צו שטיצן דיין פאמיליע.

און דערפאר הייב אן מיט איין קליענט. ווען דער ערשטער קליענט טרעט אריבער די שוועל פון טיר פון געשעפט, דערמאן זיך - אויב קיינער איז נישט דערנעבן זאג עס מיט'ן מויל - "איך סערוויר דעם קליענט לשם שמים. מיינע האנדלונגען מיט אים זענען פאר עבודת ה׳."

און טראכט דערפון ווי אפט דו קענסט. ווען דו שפארסט אויף דעם אפיס אדער די געשעפט אינדערפרי, טראכט דערפון. און עטליכע מאל דורכ'ן טאג פריש עס אויף אין דיין זכרון אינמיטן טאג, ווען דו זאגסט, "דער קומענדיגער קונה וועל איך האנדלען מיט אים לשם שמים." "איך גיי קויפן אדער פארקויפן," "איך גיי אנפילן די פאליצעס," סיי וואס עס איז, אבער "איך וועל עס טון לשם שמים."

## לעקציעס פאר די בוטשערס

טראכט פון א בוטשער, ער שטייט הינטער דעם טישל און געבט איבער פלייש צו די קליענטן. איר ווייסט, דער בוטשער פארפאטשקעט זיין לעבן! דאס גאנצע וואס ער באקומט איז געלט. אויב וואלט ער געשטאנען הינטער דעם טישל און געטראכט, ׳זאלן אידן הנאה האבן פון זייער לעבן; זאלן זיי הנאה האבן פון א גוט שטיקל פלייש.׳ דאס איז אן ערפאלגרייכער האנדל. בשעת ער געבט איבער די פלייש איבער'ן טישל, טוט ער עס מיט די כוונה אז ער וויל פיטערן ערליכע אידן, ער וויל געבן נערונג פאר פרומע מענטשן.

וואלט דאס נישט געווען א געוואלדיגע דערגרייכונג? איז עס נישט א שאד אז עס קומען זיך נישט צוזאם אלע בוטשערס פון צייט צו צייט צו באקומען לעקציעס אויף ווי אזוי צו סערווירן זייערע קונים?

אנשטאט, פארפאטשקען זיי זייערע לעבנס. בלויז פאר געלט? דאס איז **לְמַעַן לֹא נִיגַע לָרִיק!**

איך האב היינט גערעדט צו א מענטש וואס פירט א נעץ פון געשעפטן, א דעליקאטעסן רעסטוראנט נעץ און ער האט מיר געזאגט ווי שווער ער ארבעט עס צו האלטן כשר. ער וויל הויכע סטאנדארטן פון כשרות.

האב איך געזאגט, "דאס איז גוט, אבער דו זאלסט אויך אינזין האבן אז דו מאכסט געשמאק פאר פיל ארטאדאקסישע אידן. דו ווייסט ווי חשוב עס איז צו מאכן ארטאדאקסישע אידן פריילי?! זיי עסן סאלאמי און געבראטענע פלייש צוליב דיר! דו מאכסט געשמאק פאר פיל אידן!"

## פאר וועמען ארבעטן מיר?

און די מאמע אינדערהיים איז גארנישט אנדערש. לאמיר זאגן איר זענט א מאמע פון קין עין הרע א גרויסע משפחה און איר טוט א געוואלד פאר אייער משפחה. אייערע אלע טעג זענען איבערגעגעבן פאר זייער וואוילזיין. איז זעט עס אויס אז איר זענט א חשוב'ע דינסט פון באשעפער; און ס'איז אמת, איר זענט טאקע.

אבער לאמיר זאגן, איר טוט עס פונקט מיט די זעלבע מחשבה וואס א גוי'שע מאמע האט?

אויב איר הארעוועט כדי צו האבן געזונטע קינדער, כדי צו האבן פרייד פון אייער משפחה און אלע אנדערע מאטעריאליסטישע זאכן פאר וועלכע די וועלט הארעוועט צו האדעוועט קינדער, דאן מיט וואס זענט איר אנדערש פון די פעלקער פון די וועלט? וואס איז אייער זכות? האט איר געטון עפעס פאר'ן באשעפער? האט איר אינוועסטירט עפעס ארבעט אין אייער עבודת ה'? ס'איז אלעס געווען פאר אייך אליין. ס'איז אלעס געווען פאר די זאכן אויף וואס יעדער מאטעריאליסט וואלט ארויסגעקוקט.

## מאטעריאליסטן און מאמעס

אודאי, ס'איז א בעסערער צוועק צו די ארבעט ווען א מאטעריאליסט האדעוועט קינדער ווי ווען א מאטעריאליסט לעבט פאר זיך. זיכער איז נישט קיין שאלה אז די קאריערע פרוי וואס לעבט איינזאם אין א קליין דירה'לע אין מאנהעטען און איר גאנץ לעבן דרייט זיך ארום בלויז אויף אירע אמביציעס און זי טוט גארנישט פאר אנדערע אויסער אויב זי וועט פארדינען דערפון, זיכער קומט זי נישט נאנט צו די דערגרייכונגען פון א פרוי וואס האט באשלאסן צו מקדיש זיין איר קאריערע צו אויפהאדעווען א פאמיליע. ס'איז נישט קיין שאלה אז איר באשטייערונג איז אויסערגעוועהנליך גרעסער ווי דאס פון א קאריערע פרוי וואס טראכט נאר איבער זיך. א אידישע פרוי איז איינע פון די גרונדשטיינער פון געזעלשאפט, און די וועלט שטייט אויף אזעלכע מענטשן. זיי האלטן אונטער די וועלט.

און דאך, אויב ווערט עס נישט געטון מיט די כוונה פון דינען דעם באשעפער, פון ערציען אידן וואס גייען זיין ממלכת כהנים וגוי קדוש, וואס גייען זיין עבדי ה' און אפשר אפילו תלמידי חכמים, דאן האט זי דערלייגט א גרויסקייט, א שלימות, וואס זי קען קונה זיין יעדן טאג.

ווען א אידישע פרוי פיטערט איר קינד ווייל זי איז א שליח פון דער וואס איז **פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן** - ער עפנט זיין האנט און ער שפייזט אלע לעבעדיגע, אזוי עפנט א מאמע איר האנט און זי פילט ווי איר האנט איז א שליח פון די האנט פון באשעפער. איר ווייסט וואס דאס מיינט? זי האט גענומען א פשוט'ע פעולה וואס יעדער טוט און זי האט עס דערהויבן צו איינע פון די געוואלדיגע אופנים פון עבודת ה'!

## וויסן ווי אזוי צו עסן לשם שמים

נישט בלויז אינעם הינזיכט פון פיטערן די קינדער. אויך ווען דו פיטערסט זיך אליין, קענסטו נישט עסן ווי א פערד עסט, מיט א ליידיגער קאפ. דו דארפסט עסן לשם שמים. אבער דו דארפסט לערנען ווי אזוי דאס צו טון.

איך האב אמאל גערעדט איבער דעם און עס איז געווען א צדיק, א אינגערמאן, וואס האט עס פראבירט אויסצופירן. האט ער קיינמאל נישט צעקייט זיין עסן. "ווי אזוי קען איך עסן לשם שמים אויב איך האב הנאה דערפון?" האט ער געזאגט, "וועל איך איינשלינגען גאנצע שטיקער אן עס צעקייען אז איך זאל נישט האבן הנאה דערפון. דאן וועט עס זיין לשם שמים."

ביז ער איז צום סוף קראנק געווארן און דער דאקטער האט אים געהייסן אויפהערן. צי ווייסט איר פארוואס ער איז קראנק געווארן? ער איז געווארן באשטראפט. איר מיינט אז דער באשעפער וויל מיר זאלן איינשלינגען די עסן אן צו הנאה האבן דערפון, כדי צו עסן לשם שמים?

צו עסן לשם שמים מיינט צו אריינשטעקן די ציין אין די עסן און הנאה האבן דערפון. **וְאָכַלְתָּ!** לאז די שפייעכץ רינען. לאז די זאפט פונעם מאגן פליסן. האב הנאה דערפון. **וְשָׂבָעְתָּ!** עס מיינט נישט אז דו דארפסט אויסגעבן געלט; אפילו א שטיקל ברויט מיט א גלאז וואסער. האב הנאה!

אבער בשעת דו האסט הנאה, לייג צו די כוונה אז דו טוסט עס כדי צו זיין געזונטער כדי צו קענען דינען דעם באשעפער.

## זאג עס מיט'ן מויל

פראביר עס אויס היינט נאכט ווען דו זעצסט זיך צום טיש עסן נאכטמאל. עס וואלט נישט געווען א שלעכטער געדאנק זיך נישט צו פארלאזן בלויז אויף דיינע מחשבות, נאר זאג עס מיט'ן מויל, "איך גיי יעצט עסן כדי צו מאכן מיין קערפער געזונט אז איך זאל קענען דינען דעם באשעפער."

למעשה, דיין מאמע דארף נישט הערן. זי וועט מיינען אז עפעס האט פאסירט. זי וועט דיר וועלן נעמען צו א פסיכיאטאר. דאס איז וואס מאמעס טוען ווען זיי זעען אז זייער זון ווערט פרום. אבער זאג עס שטיל מיט דיין האנט אויפ'ן מויל, **הִנְנִי אוֹכֵל כְּדֵי לְהַבְרִיא אֶת הַגּוּף כְּדֵי שֶׁאוּכַל לַעֲבֹד אֶת ה'** - איך עס יעצט דאס שטיקל פלייש, די געבראטענע קארטאפל, כדי צו האבן כח, צו זיין געזונט, צו קענען דינען דעם באשעפער."

אויב זעצסטו זיך אראפ מיט די כוונה צו עסן כדי צו זיין שטארק צו קענען דינען דעם באשעפער, צו האבן כח צו טון מצוות און גוטע מעשים, דאן ווערט דער מאלצייט פארוואנדלט אין א חשוב'ע אונטערנעמונג; און דו וועסט באקומען שכר, נישט נאר פאר די מעשים טובים, פאר די גוטע טאטן וואס דו וועסט שפעטער טון, נאר תיכף וועסטו פארדינען שכר ווייל דיין עסן נאכטמאל ווערט פארוואנדלט אין א מצוה.

## בויען רייכטום

אויך שלאפן. יעדע נאכט פאר דו גייסט שלאפן זאג עפעס; קיינער זאל נישט הערן, פארשטייט זיך. "איך גיי שלאפן לשם שמים כדי צו האבן כח צו דינען דעם באשעפער." אזא סארט אויסדריק וועט מיט די צייט מאכן א רעוואלוציע אין דיין כאראקטער. דו האסט עס קיינמאל אין דיין לעבן נישט געזאגט? פראביר עס איין מאל. דו וועסט זיך דערהייבן ביז צום הימל - דו ביסט אצינד א קאפ העכער ווי סיי ווער.

און שטעל זיך פאר דאן ווי וויכטיג דו ביסט אויב דו זאגסט עס אפט. און מיט די צייט וועסטו ווערן צוגעוואוינט צו דעם געדאנק אז עס איז פאקטיש אזוי. זאג עס און זאג עס און זאג עס ביז נאך א שטיק צייט ווערט עס זעלבסטפארשטענדליך אז שלאפן ווערט באטראכט ווי עבודת ה'. שטעל זיך פאר אז - א מענטש איז איבערצייגט אז צו גיין שלאפן איז רצון ה' און ער טוט וואס איז וויכטיג כדי אז מארגן זאל ער קענען פארזעצן מיט עבודת ה'.

נאך א שטיק צייט וועסטו קענען אויסברייטערן דעם פראגראם; דו וועסט אנהייבן צו צולייגן נאך הינזיכטן אין דיין לעבן וואו דו קענסט צולייגן די מחשבה צו זאכן וואס דו טוסט סייווי. און ס'איז מעגליך פאר א מענטש וואס לעבט מיט חשבון הנפש, צו אינוועסטירן אביסל מחשבה און דורכדעם איבערמאכן זיין גאנצע לעבן אין א קאריערע פון דערגרייכונגען. ווייל, דאס איז וואס עס

מיינט די משנה וְכָל מַעֲשֶׂיךָ - אלעס וואס דו טוסט זאל זיין **לשם שמים**.

ס'איז א שאד צו טון און טון און טון, און זיך נישט באמיען אויפצולעבן די מעשים דורך טראכטן. ווייל איינמאל דו לייגסט צו מחשבה און כוונה אין דיין לעבן ביסטו קונה עפעס זייער ווערדפול. סיי וואס עס ווערט געטון מיט די ריכטיגע כוונה ווערט אזויפיל חשוב'ער. ס'איז נישט קיין שאלה אז דו בויעסט זיך אויף רייכטום, א ריזיגע עשירות, אויף וועלכן עס איז דא זייער געוואלדיגע שכר - א זייער גרויסע גליק ערווארט מענטשן וואס לעבן מיט אזא פראגראם; פרייד אין עולם הזה און אין עולם הבא.

# שאלות ותשובות

## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

**שאלה:**

**דער רב האט געשריבן פיל ספרים אין ענגליש, אבער הונדערטער מענטשןווארטן אויף לשון הקודש; פארוואס זאלן מיר דערלייגן?**

**תשובה:**

דער ענטפער איז אזוי. איך נעם נישט קיין געלט פון מענטשן מיר צו העלפן דרוקן מיינע ספרים. אויב זעט איר באצייכנט א נדבה אינעם ספר, גייט די נדבה צו די ישיבה, נישט צו מיר. איך נעם נישט קיין שום געלט. איך טו דאס נישט פאר געלט. אבער איך דארף באצאלן צו דרוקן די ספרים. ווי אזוי דארף איך צוריקמאכן די געלט? איך קען נישט פארקויפן לשון הקודש ספרים. קיינער וועט עס נישט קויפן פון מיר. מיט די ענגלישע ספרים מאך איך צוריק די געלט. דאס אלעס. זייער פשוט.

איינער אין ארץ ישראל האט געזאגט אז ער וועט דרוקן מיין ספר אין לשון הקודש. איך האב אים עס געלאזט דרוקן און ער פארקויפט עס אליין. ער זעלבסט האט געדרוקט איין ספר אין לשון הקודש און ער פארקויפט עס אליין. זייער גוט; עס האט מיר נישט געקאסט קיין געלט און איך פארדין נישט קיין געלט. זייער גוט. מען האט געדרוקט איין בוך אין רוסיש. זייער גוט. און מען האט געדרוקט איין בוך אין ספאניש. זייער גוט. איך בין צופרידן. אבער איך זאל עס דרוקן אין ספאניש?! איך קען עס נישט פארקויפן. איך קען נישט פארפאטשקען מיין געלט.